דער בלעטל
# טיב הקהילה
## אויף אידיש
יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מרנא ורבנא הרה"צ
רבי נתנאל הכהן רבינוביץ שליט"א

**משפטים**
כ"ז שבט תשפ"ג

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:51 |
| מוצש"ק | 6:05 |
| ר"ת | 6:45 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:20 | סוז"ת א' | 9:31 |
| סוזק"ש ב' | 9:03 | סוז"ת ב' | 9:59 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

גליון מס': יח

## טיב הפרשה

# ריינקייט אין געלט זאכן – דער שליסל צו גוטע השפעות

די וואכעדיגע פרשה הייבט זיך אן מיט די ווערטער 'ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם'.

אויף דער 'ואלה' זאגט רש"י אז עס איז מוסיף על הראשונים, אז אזוי ווי די מצוות פון די פריערדיגע פרשה זענען געגעבן געווארן אין סיני אזוי אויך זענען די מצוות וואס מיר לערנען אין די פרשה געגעבן געווארן פון סיני.

עס קען זיין אז דער 'ואלה' מוסיף על הראשונים קומט אונז דא אויסצולערנען א טיפער דערהער. מען קען אזוי זאגן ווייל ווען מען קוקט אריין אין די סדר הדברים פארשטייט מען נישט דער אויסשטעל.

אין די פרשה פון יתרו ווערט געשילדערט די מעמד הר סיני, אבער די תוה"ק האט נאכנישט געענדיגט איר ערציילונג איבער דער מעמד הר סיני. ענדע פון די פרשה אין משפטים גייט די תוה"ק צוריק צו דערציילן וויאזוי עס האט אויסגעזען די מעמד הר סיני, אבער אינמיטן האקט ער איבער מיט די הלכות.

לכאורה וואלט דער סדר געדארפט זיין אז די תוה"ק זאל ענדיגן דערציילן וואס עס האט זיך אפגעטון ביים מעמד הר סיני און נאכדעם זאל ער צוריקגיין אויסצושמועסן די דינים, נאר די תוה"ק וויל אונז דא לאזן הערן א שטארקער דערהער.

עס איז ליידער אן אפטע ערשיינונג אז אידן וואס זענען מדקדק בקלה כבחמורה אין הלכות שבת אדער אין מנהגים טובים וועלן זיך זייער מקיל זיין בעניני ממונות, ווען עס קומט צו געלט וועלן זיי זיך באנוצן מיט די גרעסטע קולא'ס וואס עס איז דא און צומאל וועלן זיי זיך מקיל זיין מסברא, ווייל עס קומט זיי אזוי אויס, אן וואס זיי זאלן אפילו אנפרעגן א דעת תורה.

און וועגן די מענטשן האקט די תורה אפ איר דערציילונג פון די מעמד הר סיני. די תוה"ק רעדט צו זיי און זאגט זיי אז די פרשה פון משפטים איז נישט א תורה פאר זיך אליין, עס איז א דירעקטע המשך פון דער מעמד הר סיני, פון די עשרת הדברות און ווער עס איז נישט מקיים דער חלק, פעלט אים א געוויסער חלק פון די תורה.

איך האב אמאל געהערט נאכזאגן בשם דער גאון ר' משה פיינשטיין זצ"ל אז ער האט זיך אמאל באקלאגט אז ער האט כמעט נישט קיין שאלות אין דינים פון חושן משפט טראץ וואס חושן משפט איז גרעסער ווי אורח חיים מיט יורה דעה צוזאמען און מיט דעם אלעם האט ער כמעט נישט קיינע שואלים אויף די נושא.

די אמת'ע סיבה, האט ער געגעבן צו פארשטיין, נעמט זיך פון דעם ווייל ווען עס קומט צו אורח חיים גייט מען פרעגן, אבער ווען עס קומט צו חושן משפט האלט זיך יעדער א פוסק פאר זיך. מען מיינט אז מען קען די הלכה, אבער עס

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

### –◆ נצור לשונך מרע ◆–

# הגה"צ רבי לוי הכהן ראבינאוויטש זצ"ל

אנקומענדיג צום יארצייט פון הגה"צ רבי לוי הכהן ראבינאוויטש זצוק"ל, בעל "מעדני השולחן", דער טאטע פון יבלחט"א מורינו ורבינו שליט"א, ווילן מיר דא דערמאנען דעם געוואלדיגן חיות און ליכטיגקייט וואס ער האט אריינגעשיינט, ביי זיינע באזוכן אין די קהילה פון "שַׁבְּתַי". זיינע פלאמעדיגע דיבורים און זיינע געשמאקע שמועסן, פלעגן אריינבלאזן א געוואלדיגע התעוררות אין די צוהערער, צו ווערן נענטער צום אויבערשטן.

א געוואלדיגע נקודה וואס איז פאר אים געווען נֵר לְרַגְלַי, איז די מורא'דיגע אפגעהיטנקייט וואס ער האט געהאט פון דיבורים אסורים.

ווען ער פלעגט רעדן וועגן דעם, איז עס געווען ממש א בחינה פון "הוא היה אומר", דאס וואס ער איז אליין געווען – דאס פלעגט ער זאגן! אזוי ווי ער האט אליין מעיד געווען אויף זיך, זייענדיג אויף דער עלטער, אז ער האט קיינמאל נישט גערעדט לשון הרע אויף קיין שום איד. זייענדיג נאך א יונג קינד, בלויז אכט יאר אלט, איז ער שוין געווארן א יתום פון זיינע ביידע עלטערן ל"ע און זייענדיג אליין אויף דער וועלט האט ער מקבל געווען אויף זיך אז זיין גאנצע לעבנסשטייגער וועט ווערן געפירט לויטן דעת פונעם הייליגן 'חפץ חיים', און זיינע ספרים וועלן זיין זיינע וועגווייזער. און אזוי איז טאקע געווען, יעדע פעולה וואס ער האט געטון, איז געווען גרונטליך דורכגעטראכט פון פריער, צי אזוי איז ראוי צו טון לויט די השקפה פונעם 'חפץ חיים'. אויב האט אים אויסגעזען אז אויב וואלט ער יעצט געשטאנען נעבן דעם הייליגן 'חפץ חיים' וואלט אים נישט געווען נַחַת דאס וואס ער גייט יעצט טון, האט ער זיך אפגעהאלטן פון עס טון.

זעלבסטפארשטענדליך, אז צווישן די קבלות וואס ער האט זיך אונטערגענומען, איז געווען דער ענין פון שמירת הדיבור, וואס דאס איז איינס פון די באוואוסטע זאכן איבער וועלכע דער 'חפץ חיים' פלעגט מעורר זיין.

זייענדיג נאך א יונגער בחור'ל, האט יעדער געזען אז זיין דיבור איז ריין און אפגעהיטן, און צווישן די אנשי ירושלים של מעלה פלעגן געהויבענע אידן צוגיין צו אים און אים בעטן א ברכה. ער פלעגט זיי צוליב טון און זיי בענטשן, און זיי האבן מעיד געווען אז זיינע ברכות זענען פולשטענדיג מקוים געווארן, און האבן עס תולה געווען אז דאס איז אין זכות פון דעם וואס ער היט אפ זיין מויל.

ווי דער באקאנטער מאמר אויפן פסוק 'לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ כְּכָל הַיֹּצֵא מִפִּיו יַעֲשֶׂה', אז יעדער וואס געבט אכטונג נישט צו פארשוועכן זיין דיבור, דעמאלטס טוט דער אויבערשטער אלעס וואס ער זאגט ארויס פון זיין מויל.

אין זיינע ספרים 'מעדני השולחן' אויף שולחן-ערוך יורה-דעה האט ער געמאכט לויטן געבוי פון די 'משנה ברורה' אויף שו"ע אורח-חיים, מיט א טיפע כוונה דערמיט, וועלנדיג פארזעצן דאס לעבנס-ציל פונעם הייליגן 'חפץ חיים' זצ"ל.

זאל דער אויבערשטער העלפן אז מיר זאלן זוכה זיין צו גיין אין זיינע וועגן, און היטן אונזער מויל, און זיך פירן אין אלע אונזערע וועגן לויט די לויטערע הלכה.

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א – אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

זמנים
אויף קבלת קהל
0534-100024

# טיב המעשיות

# הגה"צ רבי לוי הכהן ראבינאוויטש זצ"ל

## בעל "מעדני השולחן"

**צום אכטן יארצייט פון הגאון הצדיק רבי לוי הכהן ראבינאוויטש זצוק"ל, בעל "מעדני השולחן" (נסתלק געווארן אום שבת־קודש ב' אדר תשע"ה), דער טאטע פון מורנו ורבנו יבלחט"א, זענען מיר דא מיט עטליכע געקליבענע מעשיות, וועלכע זענען ווי א טראפ־וואסער פונעם גרויסן ים, גענומען פון פילצאליגע שמועסן און ספרים פון רבינו שליט"א, וואס די וואונדערליכע וועגן פון זיין גרויסן טאטן זצ"ל, אין אלע דריי עַמּוּדֵי הָעוֹלָם, תורה, עבודה און גמילות חסדים, זענען פאר אים שטענדיג נֵר לְרַגְלָיו.**

**זיין געוואלדיגע זכות זאל בייּשטיין פאר אונז און פאר אלע אידישע קינדער, אמן**

א יונגערמאן, וועלכער איז מיט יארן צוריק געווען א תלמיד פון מיין גרויסן טאטן זצ"ל, אין די ישיבה 'תורה ויראה' אין ירושלים עיה"ק ת"ו, האט מיר דערציילט די פאלגנדע מעשה, וואס לויט ווי ער איז מעיד, איז ער נישט מסוגל עס צו פארגעסן!

אלס אינגל, האט ער אמאל געשפילט אינמיטן פאַרלערנען, מיט עפעס א שפילצייג, און וויבאלד עס האט געשטערט פארן שיעור, סיי פארן אינגל אליין און סיי פאר זיינע חברים, האט זיך מיין טאטע זצ"ל אויפגעשטעלט און צוגענומען פון אים דעם שפילצייג, און אים אויך אנגעשריגן אויף זיין חוצפה.

דער תלמיד איז געווארן באליידיגט, און דורכאויס דעם גאנצן שיעור איז ער געזעצן מיט אן אראפגעלאזטן פנים, זיך אפרעדנדיג אז לויט זיין מיינונג איז דאס 'פְּסַק' געווען איבעריג, און עס וואלט געווען גענוג אויב דער רבי וואלט נאר ארויסגענומען דעם שפילצייג פון זיין האנט. דאס אנשרייען האט אים נישט אויסגעזען ריכטיג!

וויבאלד דער טאטע איז געווען א איד מיט גאר געהויבענע מידות, האט ער גלייך נאכן לערנען זיך געווענדן צו דעם תלמיד. כאטש פון זיין זייט האט ער געהאלטן אז עס איז נישט געווען גענוג דאס ארויסנעמען דעם שפילצייג, נאר ער האט אים יא געדארפט אנשרייען, כדי אריינצוווארצלען ביים תלמיד און ביי די אנדערע תלמידים דאס הארבקייט פון אזא אויפפירונג - פונדעסטוועגן, וויבאלד ער האט געזען אז דער תלמיד איז באליידיגט געווארן, האט ער אים פראבירט מפייס צו זיין מיט א שיינעם מטבע, אז ער זאל זיך קויפן דערמיט א טייערן ספעציעלן זיסווארג.

וויבאלד דער תלמיד איז אבער געווען באליידיגט, האט ער זיך אויסגעדרייט מיט בושה און אויפרעגונג, און האט נישט געוואלט נעמען די מתנה. דער רבי האט אים אבער נישט אפגעלאזט, נאר האט אים באגלייט א שיינע שטיקל וועג (פונעם בנין הישיבה ביז צום אלטן בית המדרש דחסידי חב"ד אינעם מאה־שערים געגנט), און דורכאויס די גאנצע צייט האט ער זיך געבעטן ביי אים איינמאל און נאכאמאל, נוצנדיג פארשידענע מיטלען אים איינצורעדן דערצו, ביז עס איז אים ענדליך געלונגען ארויפצוברענגען א שמייכל אויפן אינגל'ס מויל, און ער האט זיך געלאזט בעטן און גענומען די געלט, וואס איז געווען גענוג צו קויפן דערמיט עטליכע גוטע 'פעקלעך'! און אויפצומארגנס האט דער טאטע נאכאמאל מברר געווען ביים תלמיד, וועלנדיג קלארמאכן אז ער האט זיך טאקע געקויפט די ווערדפולע ממתקים, און הנאה געהאט פון זיי!!!

דאס אלעס האט דער טאטע זצ"ל געטון, טראצדעם וואס ער האט בכלל נישט געשלאגן דעם תלמיד, ווייל ער האט קיינמאל נישט געשלאגן קיין קינד! נאר ער האט געזארגט מפייס צו זיין אפילו זיינע יונגע תלמידים, וואס לויט זייער מיינונג און דמיון זענען זיי באליידיגט געווארן פון אים...

האט דער תלמיד אויסגעפירט, אז דעמאלטס באותו מעמד האט דער רבי אריינגעווארצלט אין אים א געוואלדיגן חינוך צו 'מידות טובות' און צו ויתור! און ער האט זיך אויסגעדריקט אז פון אלע זיינע יארן אין חדר, און פון אלע זיינע מלמדים, איז דער דעמאלטסדיגער לימוד געבליבן אויסגעקריצט אויף זיין הארץ, צו פארשטיין און באגרייפן די עבודה פון תיקון המידות!

[ספר 'טיב הקהילה' שנה שלישית, ראש השנה]

•••

יעדן מאל וואס אבי מורי זצ"ל פלעגט פארן צוזאמען מיט די משפחה צום הייליגן שטאט צפת ת"ו, זיין געבורט־שטאט, פלעגט ער באגייסטערט ווערן פונדאסניי. טראצדעם וואס ער האט שוין פארלאזט די ארט ווען ער איז געווארן א יתום אין עלטער פון ארום ניין יאר, פלעגט ער ארויפברענגען פילע זכרונות פון יענע צייטן, פון דעם ארט וואו ער איז געקומען. און די משפחה מיטגלידער וואס זענען געווען מיט אים האבן שטענדיג געטרינקען זיינע ווערטער מיט דארשט, און פלעגן זיך בעטן ביי אים אז ער זאל דערציילן מער און מער איבער זיינע איבערלעבענישן.

ער פלעגט טאקע נישט מיד ווערן פון דערציילן נאך און נאך, און זיי זענען אויך נישט מיד געווארן פון טרינקען מיט דארשט די איבערלעבענישן פון זיינע עלטערן, וואס ווערט באלייכטן זייער וועג לדורות!

פון דא האב איך זיך אויסגעלערנט, ווי וויכטיג איז פאר א מענטש נאכצוגיין די ווארצלען פון זיין משפחה למעלה בקודש, און דאס וויכטיגקייט פון עס ווייטער איבערגעבן און דערציילן פאר די קומענדיגע דורות, כדי זיי זאלן וויסן ווער זענען געווען זייערע עלטערן און אור־עלטערן!

[שיחה (אויפן טעלעפאן) בישיבת לייקוואוד ארה"ב, י"ב אב תשס"א]

•••

אבי מורי זצ"ל פלעגט זאגן פשט אינעם פסוק אין קריאת שמע (דברים ו, ז): "וְשִׁנַּנְתָּם לְבָנֶיךָ - וְדִבַּרְתָּ בָּם", אז דער פסוק ערקלערט זיך אליין, אז וויאזוי קען מען צוקומען צו "ושננתם לבניך", דורכדעם וואס "ודברת בם", אז דו אליין זאלסט זיצן און לערנען...

[מתוך שיחת חיזוק להתמדת התורה בכולל "מעדני השולחן"]

•••

צו אבי מורי זצ"ל בעל "מעדני השולחן" איז געקומען א חשוב'ער חתן, א טאג פאר זיין חופה, און געבעטן א הדרכה צו זיין חתונה.

איז מיין טאטע געזעצן מיט אים, און צווישן אנדערע זאכן האט ער פארציילט דעם פאלגנדן שיינעם מעשה פונעם סבא קדישא בעל החפץ חיים זצוק"ל, און אזוי האט ער אים דערציילט:

נאכדעם וואס דער הייליגער חפץ חיים האט חתונה געהאט [בזיוו"ש], ווען עס האט זיך דערנענטערט דער יו"ט סוכות, האט ער געזען אז עס זענען דא עטליכע ערטער אין זיין הויף וואו מען קען אויפשטעלן דעם הייליגן סוכה. און וויבאלד די הייליגע חכמים האבן באשטימט (אין מסכת בבא מציעא דף מט.) אז אזעלכע ענינים דארף מען זיך דורכרעדן מיט די ווייב, האט ער געבעטן זיין ווייב אים צו זאגן אין וועלכע זייט וואלט זי געוואלט אז ער זאל אויפשטעלן די סוכה.

הערנדיג אז איר מאן האט איר געגעבן דעם חשוב'ן החלטה, האט זיין ווייב זייער הנאה געהאט, און גענומען מאכן אירע חשבונות צו זען אין וועלכע זייט איז באקוועמער. זי האט באטראכט ווי שטארק דער זון און די ווינט שפירן זיך דארט, און וואו איז נענטער צום הויז, און אזוי אויך אלע אנדערע זאכן וואס מען דארף נעמען אין חשבון, און נאכן זיך אסאך קווענקלען האט זי באשטימט איבער א געוויסן ארט, וואו עס איז די בעסטע צו בויען דארט די סוכה.

גלייך האט דער הייליגער חפץ חיים זיך גענומען צו די הייליגע ארבעט

המשך אין עמוד ד' >|

בדחילו ורחימו. ער האט זיך שווער געפלאגט מיטן אויפשטעלן די סוכה, וויבאלד אין יענע צייטן זענען נאכנישט ערפינדן געווארן אלערליי שרויפן און פלאסטיקע צוהאלטער אזוי ווי היינטיגע צייטן, עס זענען נישט געווען קיין געבינדענע סכך, און קיין צוזאמלייג־סוכות.

נאכן ענדיגן אויפשטעלן די סוכה אין א מזל'דיגע שעה, איז די רעבעצן געקומען זען זיין שיינע ארבעט. זי האט זייער הנאה געהאט פון זיין ארבעט, און ווי דער סדר פון פרויען האט זי אויך הנאה געהאט צו טראכטן איבער 'איר' טייל אין די סוכה, מיטן באשליסן וואו מען זאל עס אויפשטעלן... דורך די נאכט האט זי אסאך געטראכט דערוועגן, און זי האט געטראפן נייע צדדים אינעם ענין, און נאך אסאך קווענקלענישן און צדדים אהין און אהער, איז זי צוגעקומען צום אויספיר אז מעגליך וואלט בעסער געווען אוועקצושטעלן די סוכה אויפן אנדערן זייט פונעם הויף.

זייענדיג גאר נאנט צו איר גרויסן מאן, האט זי זיך אויסגערעדט פאר אים אינדערפרי, זאגנדיג: מיין טייערער מאן, נעכטן ביינאכט האב איך געטראכט איבער דאס וואס דו האסט מיר געפרעגט איבער וואו צו שטעלן די סוכה, און נאכן גוט דורכטראכטן אלע צדדים פונעם ענין, האב איך מורא אז איך האב מעגליך א טעות געהאט, און דווקא די אנדערע זייט פונעם הויף זעט מיר אויס מער באקוועם און פאסיג דערצו, אוי, א שאד אז איך האב זיך געאיילט צו געבן אן ענטפער, און איך האב עס נישט גוט דורכגעטראכט!

צו איר געוואלדיגע שטוינונג, איז דער חפץ חיים גלייך נאכן עסן פרישטיג, ארויסגעגאנגען צום גרויסן הויף, און גענומען צינעמען דעם גאנצן סוכה וואס ער האט נעכטן געבויט מיט אזויפיל מי און פלאג, און עס אויפגעשטעלט פונדאסניי דארט וואו זי האט יעצט באשלאסן.

זי האט בכלל נישט דאס געמיינט. אויף א רגע האט זי נישט געטראכט אז ער זאל אזוי טון. זי האט זיך נאר אויסגערעדט פאר אים איבערדעם וואס זי האט בטעות צי שנעל באשלאסן, וויבאלד אויפן אנדערן ארט וואלט געווען בעסער אויפצושטעלן די סוכה... אבער מיט זיין געוואלדיגע עבודת המידות, האט ער נישט געזאגט 'גוט, וועלן מיר עס




לאזן פארן קומענדיגן יאר, דעמאלטס וועלן מיר עס בויען דארט'... נאר, ער האט זיך געשטארקט ווי א לייב און איז געווען א מעביר על מידותיו, און ציווארפן זיין סוכה, און געבויט אלעס פונדאסניי פון אנהייב!

דאס איז א לעבעדיגע ביישפיל פון "מעביר על מידותיו" ביי זיך אינדערהיים! - דאס ווייזט אונז ווי מיר דארפן זיך פירן אינדערהייט מיט ביטול היש!

ווען מיין טאטע האט געענדיגט פארציילט דעם מורא'דיגן מעשה, האט ער זיך אנגערופן צום חתן: דו זעסט, אין יענע צייטן איז דאס געווען זייער א שווערער ארבעט. אן אנדער מענטש, וואלט זיכער מפייס געווען זיין ווייב, אז וויבאלד די סוכה שטייט שוין אויפן ארט, און אז די קומענדיגע יאר וועט מען עס בעז"ה שטעלן אויפן אנדערן ארט, עס איז דאך סיי־ווי נאר פאר די זיבן טעג פונעם יומטוב...

דער יסוד ההצלחה פון א אידישע שטוב, איז אז מען זאל פולשטענדיג מוותר זיין, מעביר זיין על מידותיו און האבן ביטול היש. מען זאל צו יעדער צייט טראכטן וואס קען מען געבן און טון פארן צווייטן, און נישט וויפיל קען מען באקומען. ווי מער מען איז מבטל דעם אייגענעם "איך" און מען געבט עס פארן אנדערן, אלס מער וועט מען מצליח זיין אינעם שלום־בית, און די שכינה הקדושה וועט רוען אין זייער געצעלט.

[סיב הנישואין ח"ב, שער הבית פ"ב שלום בית אות ה']

• • •

ווען אבי מורי זצ"ל איז אנגעקומען לפרק 'האיש מקדש', האט ער געהאט פאר זיך עטליכע הצעות פון שידוכים, און האט נישט געוואוסט וואס צו טון, וועלכער שידוך זאל ער אויסוועלן.

איז ער זיך געגאנגען דורכרעדן מיט הרה"צ רבי דוד באטעלמאן זצ"ל [וועלכער איז שפעטער געווען זיין שווער בזיוו"ש], און ער האט זיך אריינגעלייגט אין דער זאך. נאכן גוט מברר זיין, האט אים רבי דוד געזאגט אז אים זעט אויס די בעסטע אז ער זאל טון דעם שידוך מיט אמי מורתי ע"ה, ערקלערנדיג זיין טעם דערביי, אז נאכן מברר זיין האט ער געטראפן ביי איר דעם געוואלדיגן חשוב'ן מעלה פון 'הסתפקות במועט', און אויב וויל ער בלייבן ביים לערנען אויך נאך זיין חתונה, אזוי ווי דאס איז טאקע געווען זיין גאנצע ציל, דארף ער האבן א געטרייע ווייב וועלכע פארמאגט אט די געוואלדיגע מעלה, וואס זי וועט געהעריג היטן זיין געלט און עס נישט אויספאטשקען, און וועט קענען געהעריג פירן די שטוב מיט דאס ביסל וואס איז דא!

אט די געוואלדיגע מידה האט זי טאקע געהאט א גאנץ לעבן. מיט חכמה איז זי שטענדיג געווען צופרידן מיט וואס עס איז געווען, כדי נישט צו שטערן איר גרויסן מאן פון לערנען. זי האט קיינמאל נישט געפאדערט מער ווי זי האט געהאט, אפילו אין די שווערסטע צייטן!

אלעמאל פלעגט אמי מורתי ע"ה זאגן פאר די טעכטער, אז כדי זוכה צו זיין צו א מאן א 'תלמיד חכם' דארף מען האבן א געוואלדיגע זכות, עס קומט נישט אן גרינג, און עס זענען דא אסאך נסיונות, אבער אויב וויל מען און מען איז משתוקק דערצו מיט אמת'דיגקייט און שטארקייט קען מען מצליח זיין. דערביי האט זי דערציילט אז זי האט געהאט גרויסע נסיונות שטייענדיג אין שידוכים, אבער זי איז געשטאנען פעסט על המשמר און זיך פאר'עקשנ'ט אז זי וויל דווקא א חתן א תלמיד חכם וועלכער וועט זיצן און עוסק זיין א גאנצן לעבן אין די הייליגע תורה. און טאקע חֵפֶץ ה' בְּיָדָהּ הִצְלִיחַ, און זי האט זוכה געווען צו חתונה האבן מיט מיין גרויסן טאטן זצ"ל, וואס זיינע באוואוסטע ספרים "מעדני השולחן" ווערן געלערנט איבער די גאנצע וועלט, און יעדער וואס איז עוסק אין די הלכות פון יורה דעה, טוט לערנען דערין זייער אפט.

על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל

יוסף בן סילה רוזא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת סילה רוזה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצב"ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצב"ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשות 02-6257848

גל־פז

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173